STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04589

LIEDER FUN A VOLONTIR

Permanent preservation of this book was made possible
by Ben & Sarah Torchinsky
in memory of
"Yosl" Mlotek, a good friend and excellent teacher from long ago

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ליעדער
פון א וואלאנטיר

פערפאסט

פון ישראל לעווין

ארויסגעגעבען

פון דער מאלדענער רעליעף קאמיטע

דיא גאנצע הכנסה פון די 5 טויזענד עקזעמפלארען האט דער דיכטער
מקדיש געווען פאר די הונגער ליידענדע ברידער אין די מלחמה-לענדער

פרייז 5 סענט

דזשייקאבס פרעס 32 קאזוויי סטריט, באסטאן

אינהאלט.

1. דער וואלאנטיר.
2. איך זוך א ווארט.
3. נאך דער מלחמה.
4. הזכרת נשמות.

דער וואלאנטיר.

ווען ס׳קומט דער זונטאג ווערט דער „עולם“
פערפוצט און געהט ארויס שפאצירען;
דער וואלאנטיר געהט אויך ארויס דאן,
נאר ער־ער געהט און קלאפט דיא טירען.

ער האט פערפוצט זיך מיט א „טארבע“
און טראגט אין האנד א וואנדער־שטעקען;
געטריבען פון זיין אומה׳ס אונגליק
קומט ער דעם טויטען עולם וועקען.

ער זאגט: איהר זעהט דעם אידענס טארבע?
ז׳איז פול נ ש מ ו ת אהן א ל ע ב ע ן...
וועט איהר א שטיקעל ברויט זיי שיינקען,
קענט איהר אן אטהעם זיי נאך געבען!...

* * *

מיך טרייבט צו זיין א וואלאנטיר,
איך געה און קלאפ פון טיר צו טיר,
איך זוך און פרעג, איך רוף און בעט,
מיין מויל פערשליסט זיך ניט און רעדט.
וואו כ׳זאל ניט קומען, איבעראל,
רייד איך מיין ווארט מיט גיפט און גאל:
ווי קענט איהר רוהען אין דער צייט?
עס הילכט אין אויער מיר פון ווייט
דער יאמערליכער קרעכץ און וועה,
דער האפנונגסלאזער הילפ׳ס געשריי
פון אונזער פאלק וואס שטרעקט די הענד
פון דער דערבארמלאזער שלאכט

און בעט: א, העלפט, כאטש שענקט א סענט
און דאס האט מיך צו אייך געבראכט.

איך קום צו אייך בעלאדען מיט
א שווערען שטורמישען געמיטה.
געטריבען פונ׳ם טיעפען בראך
פון אונזער פאלק, וואס טראגט דעם יאך
פון עלענד, הונגער, לייד און פיין.
איך קום אין הויז צו אייך אריין
איך קוק מיט שטאלץ אייך אין געזיכט,
און זאג: ערפילט, פריינד, אייער פליכט!
ניט רעכענט עס פאר קיין געשאנק,
איהר גיעט, און פאדערט ניט קיין דאנק!..
איהר האט א היים, איהר האט א בעט,
איהר זייט געזיכערט וואו איהר טרעט,
און קיינער שטערט ניט אייער רוה;
איהר שליסט די אויגען פריעדליך צו
און שלאפט זיך רוהיג אב די נאכט,
איהר הערט ניט ווי דער טייפעל לאכט,
דער ווילדער, גרויזאמער קאנאן;
און אונטער אייגענעם באלקאן,
זייט איהר געשיצט פון שנעה און ווינד,
מיט אייך איז אייער פרוי און קינד...
און זיי?... א, וועה! עס שטומט דער מויל,
דערצעהלען אייך פון זייער גרויל!...

איך האב גערעדט צו אייך, געווארט,
איהר זייט געבליבען אבער הארט;
איהר האט דעם וועהטאג ניט געשפירט,
מיין בעטען האט אייך ניט גערירט.
אוועק בין איך פון אייך פארשעהמט,

מיין הארץ פון צער האט מיר פערקלעמט,
און האב געמורמעלט שטילערהייט:
מיין פאלק פערגליווערט איז ביז טויט...

* * *

כ'האב דיך געפונען, פריינד, ביים עסען,
גאנץ ברייטליך אויפגעלייגט ביים טיש,
און מונטער איז דיין פרוי געזעסען,
די קינדער פרעהליכע און פריש;
מיר דאכט זיי האבען וואס געזונגען.
כ'האב אפעליערט צו דיין געוויסען...
נאר דו האסט, פריינד, דיין פעטען ביסען
געקייט גאנץ רוהיג און געשלונגען.
נאר ווען איך האב דיין הארץ צו ווארעמט---
האסטו אויף מ י ר דאן זיך ערבארימט,
און ס'האבען דיינעביידע הענד
מיר אויסגעשטרעקט א ק א ל ט ע ן סענט!...

* * *

איך האב געזעהן דיך אין טהעאטער,
דו ביסט געזעסען דארט א זאטער,
און דער ארקעסטער האט געשפיעלט,
דיין הארץ מיט פריידען אנגעפילט.
די דראמע, שיינט, האט דיך געריהרט,
האסט צייטענווייס שטארק אפלאדירט
מיט א בעגייסטערטער נשמה.
נאר, זאג, האסטו דערמאהנט די דראמע,
וואס שפיעלען יעצט אין דער מלחמה
דיין ברודער, שוועסטער און דיין מאמע?..
דו ווילסט פון יענעם „שפיעל" ניט וויסען!
וואס קען א דראמא אזא טויגען,

וואס שפּיעלט זיך הינטער דיא קוליסען?..
דו זעהסט זי דאך ניט מיט די אויגען!
האט דען וויברירט אין דיין נשמה
דיא שוידערהאפטען פון מלחמה?
און ווען עס זאל דיר שוין געראטען
צו אויסמאָהלען די שטארקסטע בילדער,
וואס זיינען פונ׳ם טייפעל ווילדער---
איז דאס ניט מעהר ווי בלויז א שאטען!..

* * *

ווי שווער איז זיין א וואלאנטיר!
איך געה ארום און אניטיר,
און קלעטער אויף דיא קרומע טרעפּען,
כ׳בין מיעד געווארען פון זיך שלעפּען
פון הויז צו הויז און זעהן געזיכטער,
פער׳חשכ׳טע ווי בלאס, ווי דאר..
עס שוועבט א טרויער א געדיכטער
אין זייער הויז, א שטומער צער.
דער מאן איז ארבייטסלאז פון לאנג,
די מוטער, אבגעצעהרט, פערקרימט,
האט שטומערהייט אין זיך געגרימט.
געה גיס אריין א טראפען גיפט
אין זייער בעכער, וועלכער טריפט
אראב מיט סם פון זיינע ברעגען?..
ס׳איז מיר פערשפּארט געוועזן איהר פרעגען.
נאר זי האט גלייך מיין וואונש בעגריפען,
און האט א מילדען בליק, א טיעפען
צו מיר געווארפען און געגעבען
איהר לעצטען סענט-דעם גאנצען לעבען!..

איך לויף ארויס אין גאס פערשטומט,
דער ,,עולם" שוועבט אין גאס און ברומט,
עס קאכט דער קעסעל פונ'ם לעבען,
אין מ'ח פאנגנען אן זיך וועבען
געדאנקען שווארצע וויא די נאכט.
כ'האב טרויעריג ביי זיך געטראכט:
וואו זיינען יעצט דיא מילליאנערען?
וואו זיינען היינט דיא פילאנטראפען?
זיי זעהען ימים בלוט און טרעהרען,
און זייער הילף איז בלויז א טראפען!
עס ליעגט אויף זיי א זינד א שווערער,
צום ,,עגל" גיבען זיי פיעל מעהרער...
וואו זייט איהר, אידישע טאלאנטען,
וואו האט איהר, קינסטלער, זיך פערבארגען?
פאר זיך נאר ,,קרעמערט" איהר פעדאנטען,
דעם אידענ'ס קרעכץ האט איהר דערווארגען!..
עס זאל פערטריקענט זיין דער גומען
פון דעם, וואס קען גאר איצטער שטומען!
וואס ליעגט אין אייער ברוסט, דען שטיינער?
פערמאגט איהר דען שוין קיין געפיהל ניט?
פערדאמט וועט בלייבען יעדער איינער,
וואס קען יעצט העלפען—נאר ער וויל ניט!—

* * *

די לאמפען ברענען, עס איז ליכטיג,
איהר הערט נגונים און מוזיק;
אין הויז איז איינגענאהם און ציכטיג,
די אויגען שטראהלען אויף פון גליק.

איהר האט א רוהע-ארט צום שלאפען,
א שוך, א קלייד, א שוץ פון קעלט;
עס מעג א שטורם ווינד פון צפון
בעפאלען אייך—איהר זייט פערשטעלט,

נאר פרעגט, וואו זיינען אייערע ברידער,
ווער שיצט זיי יעצט דארט אין געוואלד?
וואו רוהען זייערע מיעדע גלידער?—
א, ווער, דארט ערגעץ אין א וואלד!

אויף פייכטע בלעטער, אבגעפליקטע
וועט איהר געפינען זיי צולייגט,
פערהונגערטע, פון צער פעררינקטע,
פון קאלטע רעגענס אויסגעווייקט.

עס נעהמט זיי דורך א שטארקער פיבער,
זיי ליעגען ציטעריג און שווייגען;
עס בלאזט א קאלטער ווינד אריבער
די דארע אבגעהיילטע צווייגען,

און טראגט אוועק דעם שטומען וועהטאג
ארויף ארויף צום שווארצען הימעל;
און וויעדער הערשט א טויטע שטילקייט,
און ס'וויגט דער וואלד זיך אין זיין דרימעל.

איך זוך א ווארט

(פאר דיא קארגע און הארטהערציגע)

איך זוך א ווארט, וואס זאל אייך נעהמען,
וואס זאל אייך אויפרעגען און קלעמען;
א גלוטהיג ווארט, וואס זאל אייך בריהען,
וואס זאל ווי פייל צום הארצען פליהען...
ער זאל אייך אנכאפּען מיט צוואנגען
און שטעכען אייך מיט גיפט פון שלאנגען.
א ווארט, געטונקט אין גאל און פלאמען,
וואס זאל דאס לעבען אייך פער'סמ'ען.
איך זוך א ווארט...

איך זעה אייך גליקליכע שפּאצירען
אין גאס און פּארק; עס שימערירען
אויף אייך די דימענטען און בלאנקען;
און פרעהליך שפּיעלען דיא געדאנקען.
און ווען עס קומט דער טאג צורייטען
און טראגט אייך צו א קרעכץ פון ווייטען,
דער וועה-געשריי פון פאלק דעם טריעבען,
וואס ווערט אין אש און שטויב צוריבען
אהן שוץ, א הפקר זאך צום שפּיעלען—
פאנגט אן דאס הארץ ביי אייך צו קיהלען.
ווען אייער ברודער ברענט אין פלאמען
שטעהט איהר גלייכגילטיג דא צוזאמען
און ווארעמט זיך ביי זייער פייער...
דער גראשען איז ביי'ך זעהר טהייער!

איך זוך... איך קען זיך ניט דערמאנען...
נאר ווען איך וועל דעם ווארט געפינען,
וועט איהר פון איהם שוין ניט אנטרינען,
כ'וועל קיינעם דאמאלס שוין ניט שאהנען.
איך וועל איהם לייגען אויף מיין בויגען
און ציעלען גלייך אייך אין די אויגען...
און וואו איהר זאלט זיך ניט בעהאלטען,
אין פינסטערניש, אין דונקעלע שפאלטען,
וועט ער אייך גרייכען און דערלאנגען,
בעשפריצען אייך מיט גיפט פון שלאנגען.

איך וועל מיין ווארט מיט בלוט פערזאגען,
ער זאל פערפאלגען אייך און נאגען,
ביי טאג, ביי נאכט אויפ'ן געלעגער;
און שטעהן וועט ער ביי אייך אלס קלעגער
און וועט פון זיסען שלאף אייך שטערען.
און אויפגעשוידערטע, מיט טרערען,
ערוואכען וועט איהר פונ'ם טרוימען,
און בליקען וועט איהר צו די רוימען,
צו פאנגט שוין אן דער טאג בעגיענען,
נאר איהר וועט דארט קיין שיין געפינען...
עס וועט פערוואונדערט אייך בעטראכטען
די זון מיט איהרע שטארע בליקען,
זי וועט אייך שטום און קאלט פעראכטען,
קיין מארגען-שטראהל צו אייך ניט שיקען...

דאן וועט איהר מעהר שוין ניט געניסען
פון אייער וואויל-טאג; אייער ביסען
וועט איהר ארויסרייסען מיט שטורם
פון אייער מויל און איהם צו טהיילען...

און אום צו שטילען די יסורים,
די שווערע וואונדען צו פערהיילען,
וועט איהר די העמדער פון זיך פליקען,
די קראנקע וואונדען באנדאזשירען:
עס וועט ביים הארצען אייך פערדריקען,
איהר וועט דעם ווענטאג דאן דערשפירען!!!

נאך דער מלחמה.

איהר לעזט און שטוינט ניט פונ׳ם לעזען,
איהר מאכט פון ווערטער ניט קיין וועזען.
טאג-טעגליך לעזט איהר אייך די נייסען,
און ס׳נעהמט ביים הארצען אייך ניט רייסען.
איהר מוזט פון קופער זיין געקנאטען,
די נערוועז אויסגעשמידט פון דראטען,
איהר זוכט פון לעבען ד א געניסען,
פון ד א ר ט ע ן ווילט איהר גאר ניט וויסען.
און דאס, וואס ס׳איז צו אייך דערגאנגען,
מיינט איהר דאס זיינען לעהרע קלאנגען,
וואס זיינען נאר בעפוצט מיט פארבען?
א, ניין! ס׳איז גרויזאמער פון שטארבען!

איהר קענט אין גאנצען נאך ניט וויסען,
אין צייט וועט טייכען בלוט נאך פליסען.

ס׳ווערט אונזער פאלקס געוויין פערטרונקען
אין דונער-קנאל פון די קאנאנען;
זיין יאמערליכער קרעכץ פערזונקען
אין רויש פון יובלענדע לעגיאנען.

און ווען עס פייפען נאך די קוילען,
און ס׳ברויזט דיא שלאכט אין רעכטען שטורם
קענט איהר ניט פיהלען דא די גרוילען,
און ניט בעגרייפען די יסורים.

נאר ווען עס וועט דיא שלאכט פערשטומען
און די וואולקאנען זיך פעקשליסען,
און ס׳וועט דער פרידענס-מלאך קומען
דיא בלוט-בעפלעקטע ערד בעגריסען—

ערשט דאן וועט זיך די וואונד צוברענען,
ערשט דאן וועט זיך דער קרעכץ דערהערען;
יע, דאמאלס וועט איהר פיהלען קענען,
און זעהן דעם ברודער׳ס הייסע טרעהרען.

און ציילען וועט איהר דאן דיא טויטע,
און זוכען אבגעפליקטע גליעדער
אויף יענע שלאכפעלדער די ברייטע
און וועט בעוויינען זיי: „א, ברידער!“

און הערען וועט מען א יללה
אויף אלע ווייטע זיעבען ים׳ען
א שארפע דורכדרינגענדע קללה,
וואס וועט די גאנצע וועלט פערדאמען.

און ס׳וועלען דאמאלסט זקנים קראנקע
די זין און אייניקלאך בעוויינען;
און קלאגען וועלען דאן אלמנות,
אזש אלע הימלען וועלען שטוינען.

און ס׳וועלען קלייניקע יתומים
זיך נאכפרעגען אויף זייער טאטען;
עס וועט א בת-קול זיך צוקלינגען:
„פערניכטעט האבען איהם הארמאטען."

און ס׳וועלען ביטערליך דאן קלאגען
מילליאנען אונגליקליכע טעכטער,
פערשעהמט, פערשפאטעט, טיעף דערשלאגען,
אויף זייער עהרע דער פערשוועכטער.

און זוכען וועט דאן די געליבטע
איהר פריינד--וואו קען זי איהם געפינען,
און וואנדלען וועט זיא א בעטריבטע,
און ריהרען וועט זי זיך פון זינען.

און לאנג וועט רוישען אונז אין אויער
דער הילך, דער קנאל פון די קאנאנען;
און ברייט וועט שפרייטען זיך דער טרויער
און וועט דעם אונגליק אונז דערמאנען!

הזכרת נשמות.

צום אנדענקען פון די געפאלענע אידישע העלדען
אין אלע מלחמה-לענדער.

שטיל צינדט אן די שווארצע ליכטלאך,
שטעלט זיי אויס אין גלייכע צייליען,
איבער פעלדער, איבער וועלדער,
שפרייט זיי אויס אויף לאנגע מיילען.

לאזט זיי שימערען און פינקלען,
לאזט זיי צאנקען שטיל און גליהען,
און מיר אלע לאמיר פאלען
אויף דיא קברים און זיך קניהען...

יעדער שיין איז דא אן אטהעם,
יעדער ליכטעל--א נשמה,
וועלכע האט זיך אויסגעלאשען
אינ'ם שטורם פון מלחמה.

כ'זעה אייך ,פייערלאך, איהר רעגט זיך;
ליעגט אין אייך דען וואס פערהיילען?
כ'זעה, איהר פלאטערט און בעוועגט זיך,
ווילט איהר וואס יעצט מיר דערצעהלען?

זאגט, פאר וואס האט איהר געשטריטען,
צו ליעב וועמ' זייט איהר געשטארבען?
האט איהר דען פאר א י י ע ר היימאט
אויפגעבראכט זיך אלס א קרבן?

וועט פון אייער מארך און בלוטען
אויסוואקסען וועז גוטע פרות?
און א גליקטראגענדע צוקונפט
פאר די קומענדיגע דורות?

פלייסיג האט איהר דאך געפאכטען,
מונטער, טאפפער און בעזעעלט זיך;
האט איהר זיך א קראנץ געפלאכטען,
און א מאנומענט געשטעלט זיך?

די געשיכטע וועט פערשרייבען
אלע קעמפפער אין די שלאכטען;
זייער נאמען וועט פערבלייבען
אויסגעקריצט, מען וועט זיי אכטען.

ס'וועלען גלעקער הילכיג קלינגען,
ס'וועלען קנאלען די קאנאנען,
ליעדער וועט מען נאך זיי זינגען—
ווער וועט א י י ך אבער דערמאהנען?

א י י ך, וואס האבען נאר געקעמפפט פאר
פרעמדע נאציעס און לענדער;
א י י ך, וואס האבען דרייסט פערטהיידיגט
איי'רע דריקער, פיינד און שענדער?

יע, עס וועלען אייך דערמאהנען
ווייב און קינדער, יונגע כלות,
ווען ס'האט דער בייזער שיקזאל
אבגעשטימט צו שמאך און דלות.

* * *

שטיל צינדט אן די שווארצע ליכטלאך,
לאזט זיי אויפפלאמען און גליהען;
טראגט זיי צו צו הערצער קאלטע,
זאל אין זיי א פייער בריהען...